# די עלטער פון ווערן מחויב אין מצוות

וישלח | שמיני | נשא | ראה

שמעון / לוי / יעקב / סימני כשרות / הלכה למשה מסיני
שיעורים בהלכה / סיבה או סימן / בגרות / גיל חיוב בני נח במצות

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

עס שטייט אין פסוק[1] "ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו" (און שמעון און לוי די קינדער פון יעקב די ברידער פון דינה האָבן גענומען שווערד.) אויף דעם ווערט געבראַכט אין מדרש[2] אַז זיי זיינען דאַמאָלסט געווען אַלט דרייצן יאָר.

פון דעם לערנט רש"י אַרויס אין מסכת נזיר[3] אַז אין עלטער פון י"ג שנה ווערט מען בר מצוה. ווייל פון דעם וואָס די תורה רעכנט זיי דאַמאָלסט אַלס "איש," און איש ווייזט אויף גדלות, זעט מען אַז אַ בן י"ג שנה איז אַ גדול.

> דער ברטנורא אין פרקי אבות פרק ה' איז מוסיף אַז דאָס וואָס חיוב מצוות איז פאַרבונדן מיט זיין אַן "איש" לערנט מען אַרויס אויך פון פסוק[4] "איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם למעול מעל בה."

דער רא"ש[5] קריגט אויף דעם און האַלט אַז דאָס איז אַ הלכה למשה מסיני, אַז פונקט ווי אַלע אַנדערע שיעורים אין תורה אַזוי ווי שיעורים פון טומאה, אַז איין זאַך איז מטמא בכשערה און עפּעס אַנדערש מיט אַ כזית זיינען הלל"מ, אַזוי אויך איז דער "שיעור" צו ווערן אַ גדול איז אַ הלל"מ, ווען ער ווערט דרייצן יאָר אַלט.

דער חילוק צווישן די צוויי שיטות איז: לויט רש"י )און דער ברטנורא( איז דער פשט, אַז די תורה איז מקשר חיוב מצוות מיט דעם וואָס ער איז דאַמאָלסט אַן "איש," וואָס דער וואָרט איש ווייזט אויף גדלות ווי עס שטייט אין פסוק "מי שמך לאיש," "וחזקת והיית לאיש." וואָס דער תוכן פון די פסוקים איז אַן ענין פון חשיבות. דאָס הייסט, אַז חיוב מצוות איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס ער איז אַ גדול און האָט אַ "הכרה" (אַנערקענונג) און "פאַרשטאַנד" אין תורה און מצוות.

1. בראשית לד, כה
2. בראשית רבה פרשה פ' יו"ד
3. כט, ב
4. נשא ה, ו
5. שו"ת כלל טז

אָבער לויטן רא"ש איז דאָס ניט פאַרבונדן מיט די טבע פון דעם מענטשן, נאָר ס'איז אַ דין.

ב מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, וואָס איז די סברת המחלוקת - פאַרוואָס האַלט יעדער שיטה ווי זי האַלט און ניט ווי די אַנדערע?

צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען פריער מקדים זיין: בדרך כלל איז דאָ צוויי אופנים ווי מען קען פאַרשטיין דאָס וואָס די תורה גיט סימנים אויף אַ זאַך. לדוגמא,[6] די תורה גיט סימנים אויף אַ בהמה טהורה, איז אין דעם פאַראַן צוויי אופנים ווי מען קען דאָס פאַרשטיין: איין אופן איז, עס זיינען דאָ געוויסע תכונות אין אַ בהמה וואָס מאַכן אַז זי זאָל זיין טהור. נאָר אַזוי ווי מיר ווייסן ניט וואָס זיי זיינען, גיט אונז די תורה געוויסע סימנים אויף צו וויסן וועלכע בהמות האָבן די תכונות. דער צווייטער אופן איז, אז די סימנים אַליין מאַכן אויף אַז די בהמה זאָל זיין אַ טהורה.

> אַ ראי' צום ערשטן אופן: די גמרא זאָגט אין מסכת בכורות[7] אַז "היוצא מן הטהור, טהור," אַז אַ בהמה טהורה האָט געבוירן אַ קינד, איז דער קינד טהור אפילו אַז ער האָט ניט די סימני טהרה. איז לויט דער ערשטער אופן איז דאָס זייער פאַרשטאַנדיק, ווייל די סימנים טוען גאָרנישט אויף, נאָר זיי זיינען מגלה אַז די בהמה האָט די תכונות. אָבער דאָ דאַרף מען ניט די סימנים, ווייל זי איז געבוירן פון אַ בהמה טהורה ווייס מען אַז זי האָט די געוויסע תכונות.

על דרך זה קען מען זאָגן דאָ: די מחלוקת צווישן רש"י מיט דער רא"ש איז, רש"י האַלט אַז חיוב מצוות איז פאַרבונדן מיט דעת פון דער מענטש, און די תורה איז נאָר מגלה אַז דאָס איז אין עלטער פון י"ג שנה. און דער רא"ש האַלט אַז דאָס איז אַ דין, אַז ווען מען ווערט דרייצן יאָר אַלט ווערט מען אַ גדול.

ג די נפקא מינה צווישן די צוויי שיטות איז: דאָס וואָס שיעורים זיינען אַ הלכה למשה מסיני איז דאָס נאָר פאַר אידן און ניט פאַר בני נח.[8]

6. צפנת פענח על הרמב"ם ריש הלכות מאכלות אסורות
7. ה, ב
8. רמב"ם הלכות מלכים פ"ט ה"י

לויט דעם קומט אויס אַז בני נח ווערן חייב במצוות ווען זיי באַקומען דעת צו "פאַרשטיין" תורה ומצוות. דעריבער, לויט רש"י, ווערן בני נח נתחייב ווערן אין זייערע מצוות ווען זיי ווערן בני י"ג, לויט רש"י איז די תורה מגלה אַז דאַן באַקומט אַ מענטש דעת. אָבער לויט דער רא"ש איז ניטאָ אַ כלל און אַ עלטער ווען מען באַקומט דעת, און מ'ווערט דאַרפן מעסטן יעדן איינעם באַזונדער, ווען ער באַקומט דעת.

> וי"ל אַז רש"י על התורה האַלט אַז מען מעסט יעדן איינעם לויט זיין דעת, און עס איז שייך צו באַקומען דעת  אין אַן אַנדער עלטער.

> אין פרשת תולדות דערציילט אונז די תורה אַז[9] "ויגדלו הנערים," אַז יעקב און עשו זיינען געוואָרן גרויס און זיי זיינען געגאַנגען אין זייער אייגענעם וועג. זאָגט רש"י: "כל זמן שהיו קטנים לא היו ניכרים במעשיהם ואין אדם מדקדק בהם וכו.'" (ווען זיי זיינען געווען קליין איז ניט געווען קענטיג אין זייערע מעשים, און מ'האָט ניט מדקדק געווען אין זיי.) קומט אויס אַז אויב מ'וואָלט יע מדקדק געווען וואָלט מען יע געקענט זען אין זייערע מעשים וואָס איז זייער טבע, כאָטש אַז זיי זיינען געווען אינגער פון י"ג שנה.

ד מען דאַרף נאָכאַלץ פאַרשטיין, לויט רש"י אַז דער לימוד איז פון שמעון ולוי במעשה שכם איז שווער, פאַרוואָס לערנט אונז די תורה דער גיל פאַר חיוב מצוות פון אַן ענין בלתי רצוי?!

דער רבי איז מבאר אַז שמעון און לוי האָבן זיך געפירט מיט מסירת נפש, עס איז געווען ביי זיי נוגע בנפש! ווי עס שטייט אין פסוק "הכזונה יעשה את אחותינו".

און דאָס וויל אונז דער תורה לערנען, כאָטש אַז מען ווערט חייב במצוות נאָר אין אַ גיל וואָס מען קען פאַרשטיין די יוקר פון תורה ומצוות, זאָל מען נישט מיינען אַז מען איז מקיים מצוות נאָר וויפיל מען קען פאַרשטיין. נאָר מען דאַרף זיין איבערגעגבן צו דעם אויבערשטן'ס רצון מיט מסירת נפש!

על פי ליקוטי שיחות חלק ט"ו פרשת וישלח שיחה ד'

9. בראשית כה, כז

# קיצור לחזרה

1. מקור שבר מצוה בגיל י"ג. רש"י - שמעון ולוי. רא"ש - הלכה למשה מסיני
2. סברת המחלוקת, סימנים הם תוצאה או הגורם. וראיה לצד אחד.
3. נפקא מינה, גיל החיוב בבני נח. שיטת רש"י בזה
4. הוראה בעבודת ה'. קיום תורה ומצוות במסירת נפש.